בס"ד

# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר שמות

נתנדב לזכות יואל בן אסתר רחל
וזג' הינצא יהודית בת אסתר ניסל, וכל יוצאי חלציהם

## פרשת בא

# דער וועג צו אמת'ע שמחה


פרנס השבוע

נתנדב ע"י
מו"ה **חיים זאב שטערנליכט** הי"ו
לרגל הולדות בתו למז"ט

לרפואת שלימה
**יהודא בן רחל** בתושח"י

**נתנדב ע"י הרוצה בעילום שמו
להצלחה בכל ענינים**



צו מנדב זיין רופט:
**347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org




לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר**
**יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה,**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשש

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.222.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-0332**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**


בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש


© Copyright 2023 by: *TorasAvigdor.org*



**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת בא

שנה ד'

# דער וועג צו אמת'ע שמחה

תוכן:

חלק א. שמחה אין דער תורה - חלק ב. שמחה פון דער וועלט - חלק ג. לעבן מיט שמחה

## חלק א. שמחה אין דער תורה

### רעדן איבער דעם וועטער

ווען מיר ליינען די פסוקים וואס דערציילן איבער יציאת מצרים, זעען מיר אן אינטערעסאנטער פאקט, אז די צייט אין יאר, דער פרילינגדיגער וועטער, שפילט גאנץ א באדייטנדער טייל אין דער מעשה.

בשעת די אידן האבן זיך צוזאמגענומען ארויסצוגיין פון מצרים, האט משה רבינו זיי געהייסן: "**זָכוֹר אֶת הַיּוֹם הַזֶּה אֲשֶׁר יְצָאתֶם מִמִּצְרַיִם... הַיּוֹם אַתֶּם יֹצְאִים בְּחֹדֶשׁ הָאָבִיב** - געדענק דעם טאג וואס דו ביסט ארויסגעגאנגען פון מצרים...היינט גייסטו ארויס אין דעם חודש פון פרילינג" (שמות יג:ג-ד). אלזא, איר ווייסט אז אין די תורה, איז דער וועטער נישט קיין נושא וואס ווערט געווענליך ארומגערעדט. ס'איז אינטערעסאנט אז משה רבינו זאל מאכן א גאנצער עסק איבער דעם. עס זענען געווען פיל זאכן וואס ער וואלט געקענט זאגן פאר דעם אידישן פאלק בשעת זיי האבן זיך צוזאמגענומען צו אנהייבן זייער וועג ארויס צו פרייהייט. איך אליין קען טראכטן פון געוויסע זייער וויכטיגע יסודות וואס משה רבינו וואלט געקענט איבערגעבן אין אט דער העכסט פאסיגער צייט. אבער צו ארויסברענגען די וועטער אומשטענדן?! משה רבינו איז נישט געווען קיין מידיראלידזשיסט.

און אויב עס וואלט געווען קאלט און רעגנדיג, וואלט עס געמאכט א חילוק?! זיי זענען ארויס צו פרייהייט! פרעגט דעם מענטש וואס ווארט ארויסגעלאזט צו ווערן פון טורמע נאך פופציג יאר, צי עס גייט אים אן דער וועטער אין יענעם טאג וואס ער גייט ארויס; ער געדענקט נישט און עס גייט אים נישט אן צו געדענקען! די עיקר איז אז ער פריי!

### דער פאסיגסטער וועטער פאר פרייהייט

און דאך האט משה רבינו יא געזאגט, **הַיּוֹם אַתֶּם יֹצְאִים בְּחֹדֶשׁ הָאָבִיב** - איר גייט היינט ארויס,

און קוקט ארויס! ס'איז א הערליכער פרילינג טאג. און רש"י פרעגט: צי האבן זיי נישט געוואוסט אז עס איז פרילינג? **אֶלָּא כָּךְ אָמַר לָהֶם, רְאוּ חֶסֶד שֶׁגְּמַלְכֶם** -וואס האט משה רבינו זיי געזאגט? "זעט די גוטסקייט וואס דער באשעפער טוט פאר אייך, **שֶׁהוֹצִיא אֶתְכֶם בְּחֹדֶשׁ שֶׁהוּא כָּשֵׁר לָצֵאת** - אז ער נעמט אייך ארויס אין א חודש וואס עס איז פאסיג ארויסצוגיין, **לֹא חַמָּה וְלֹא צִנָּה וְלֹא גְּשָׁמִים** - נישט צו הייס, נישט צו קאלט, און נישט רעגנדיג" (רש"י יג:ד).

אלזא, עס איז כדאי צו כאפן א בליק אין שיר השירים (ב:י-יג), אויף שלמה המלך'ס שילדערונג איבער וואס דער באשעפער האט גערעדט צו זיין פאלק אין דעם גרויסן טאג פון יציאת מצרים. "**קוּמִי לָךְ רַעְיָתִי יָפָתִי וּלְכִי לָךְ** - שטיי אויף, מיין פריינד, מיין באליבטער, און גיי ארויס פון מצרים, **כִּי הִנֵּה הַסְּתָיו עָבָר הַגֶּשֶׁם חָלַף הָלַךְ לוֹ** - ווייל אצינד איז דער ווינטער פארביי און די רעגנס זענען פאריבער און דאס גיין אין מדבר וועט זיין פיל אנגענעמער. **הַנִּצָּנִים נִרְאוּ בָאָרֶץ** - די טעג פון פרילינג זענען דא, ווען די ביימער הייבן אן ארויסצוגעבן זייערע בלומען און די וועלכע וועלכע רייזן וועלן געניסן פון זייערע קאלירן און ריחות. **עֵת הַזָּמִיר הִגִּיעַ וְקוֹל הַתּוֹר נִשְׁמַע בְּאַרְצֵנוּ** - די צייט ווען די פייגלעך זינגען און טשוויטשען איז אנגעקומען, וואס לייגט צו נאך הנאה פון זיסע קולות פאר די וועלכע רייזן אין פרילינג. **קוּמִי לָךְ רַעְיָתִי יָפָתִי וּלְכִי לָךְ** - און אזוי, מיין פריינד, מיין הערליכער," זאגט דער באשעפער צום אידישן פאלק, "יעצט איז די צייט אויפצושטיין און ארויסגיין פון מצרים."

## דער אויסשטעל פונעם לוח

איז זעען מיר אז דער באשעפער האט עס אויסגעשטעלט ארויסצונעמען דאס אידישע פאלק פון מצרים דוקא דאן, אין די טעג פון פרילינג. נישט נאר דאס, נאר די תורה זאגט אונז אויך אז דער גאנצער אויסשטעל פונעם יאר ווענדט זיך אין דעם יום טוב פסח וואס פאלט אויס אין פרילינג אלס אן אנדענק צו דעם געשעעניש: "**שָׁמוֹר אֶת חֹדֶשׁ הָאָבִיב... כִּי בְּחֹדֶשׁ הָאָבִיב הוֹצִיאֲךָ ה' אֱלֹקֶיךָ מִמִּצְרַיִם** - איר מוזט אפהיטון דעם חודש פון פרילינג... ווייל אין דעם חודש פון פרילינג האט דער באשעפער דיין גאט דיר ארויסגענומען פון מצרים" (דברים טז:א).

די חז"ל (ראש השנה כא.) ערקלערן דעם פסוק אז דאס מיינט, אז חודש ניסן מוז אלעמאל אויסגעפאלן אין פרילינג, און אז צומאל מוזן די סנהדרין אפילו צולייגן א חודש צום לוח בלויז כדי זיכער צו מאכן אז ניסן וועט זיך נישט אנהייבן ווען עס איז נאך ווינטער. און דאס אלעס, כדי מיר זאלן געדענקען און באצייכענען אז מיר זענען ארויס פון מצרים אין פרילינג.

עס ערוועקט זיך א גרויסע שאלה: וואספארא חילוק מאכט דער פרילינג פאר א פאלק וואס אנטלויפט פון א צוויי הונדערט צען יעריגע קנעכטשאפט? דער חודש 'האביב', דער סעזאן ווען די תבואה ווערט רייף, וואלט זיכער געווען א געשמאקע צייט אריינצוגיין אין ארץ ישראל. אבער בשעת זיי זענען אוועקגעגאנגען פון רעמסס, זענען זיי געווען ווייט פונעם צוגעזאגטן לאנד און זיי האבן נישט געהאט קיין שום נוצן פון די רייפע תבואה. וואספארא חילוק איז עס פאר אזא פאלק, אנטלויפנדיג פון קנעכטשאפט, אנגעלאדנט מיט פארמעגנס, אז פייגלעך טשוויטשען אויף די צווייגן? איז וואס, אז די בלומען שפראצן אין א הערליכן פרילינג טאג? מיר רעדן דא פון אמת'ע שמחה - די פרייד פון אנטלויפן צו פרייהייט און געוואלדיגע עשירות - און איר דערציילט מיר איבער טשוויטשענדע פייגלעך?

## אן אמת'ער פריילִיכער מענטש

דאס איז נישט מיין שאלה, דרך אגב. איך האב דאס געהערט נאכזאגן אין נאמען פון דער אלטער פון סלאבאדקע ווען איך בין געווען אין אייראפע. און ווייל די תשובה פון דער אלטער פון סלאבאדקע איז א יסוד ווי אזוי מיר דארפן לעבן ערפאלגרייך אויף דער וועלט, וועלן מיר אפגעבן אביסל צייט עס צו פארשטיין.

דער אלטער פון סלאבאדקע האט געזאגט, אז דער פרילינג וועטער, מיט זיינע אלע פארשידנארטיגע הנאות, איז ספעציעל אויסגעוועלט געווארן דורך דעם באשעפער צו באריייכערן די סענזאציע פון יציאת מצרים. כאטש וואס אין זייער שפיץ גליק פון פרייהייט, און כאטש וואס זיי זענען געווען באלאדנט מיט די עשירות פון מצרים, האט מען ערווארט פון זיי נישט צו פארזען דעם וועטער, די בליענדע ביימער און טשוויטשענדע פייגלען.

און פארוואס נישט? ווייל עס איז אזוי וויכטיג פאר דאס אידישע פאלק צו לערנען - דוקא דאן, ווען זיי פארלאזן די קנעכטשאפט פון מצרים צו ווערן עבדי ה' - אז די שמחה פון אן אמת'ער עובד ה' קומט נישט פון קיין גרויסע פאסירונגען אין לעבן. די אויסטערלישע פלייץ פון פלוצלינגדיגע רייכטום, די פייערליכע מאמענטן פון געוואלדיגע פרייד - א נייע קאר, א נייע בעיבי, אפילו יציאת מצרים - וועלן נישט מאכן א מענטש זיין אן עכט פריילִיכער מענטש. עס זענען בלויז די קליינע מתנות פון לעבן, ווי א גלעטנדער פרילינג טאג אדער א פייגל וואס טשוויטשעט צווישן די ביימער, וואס דרינגען אריין אמת'ע פרייד אין לעבן.

אודאי איז דא גליק אויך אין די גרויסע זאכן. ס'איז דא א געוואלדיגע שמחה ביים געבורט פון א קינד. און ס'איז נאך א גרעסערע שמחה ווען מ'מאכט חתונה דאס קינד. דו האסט געוואונען א לאטערי? ס'איז א שמחה! דו האסט באקומען דער ארבעטס פאסטן וואס דו האסט געוואלט? האסט געענדיגט א מסכת? דאס זענען אלע גרויסע שמחות און גוטע סיבות זיך צו פרייען. אבער דאס זענען נישט די זאכן וואס וועלן דיר מאכן פאר א פריילִיכער מענטש! עס זענען די טאג טעגליכע פשוט'ע הנאות פון לעבן, ווי א שיינער וועטער, וואס דער באשעפער שיקט דיר שטענדיג, אט די אלע קליינע זאכן דארפן דיר מאכן פאר א פריילִיכער מענטש.

## ס'איז נישט גענוג אנצוטון ראזעברילן

אלזא, איר קענט נישט סתם זאגן פאר א מענטש, "זיי פריילִיך; לערן זיך צו זען די גוטע זאכן אין לעבן." ס'איז גלייך ווי איר זאגט אים גארנישט. די נושא פון שמחה איז א וויסנשאפט, און פונקט ווי יעדע וויכטיגע נושא, פאדערט עס אנשטרענגונג דאס אדורכצולערנען. אויב וועט איר זאגן צו איינעם, "טו אן אפטימיסטישע ברילן און קוק אויף די וועלט דורך ראזע ברילן," העלפט איר אים גארנישט.

עס פאדערט ארבעט צו טון אויסער אנצוטון די דאזיגע ראזע ברילן. וואספארא ארבעט איז דאס? יעדע קליינע הנאה וואס דו האסט, איז דיין פליכט עס צו שעצן און ווערן א פריילִיכער מענטש. א מענטש ווערט פריילִיך דורך קליינע זאכן אין לעבן. אצינד, זאג נישט אז דיין ערפארונג ווייזט נישט אזוי - ווייל עס איז נישט אמת, דו האסט נישט די ערפארונג. דו האסט עס קיינמאל נישט פראבירט! ס'איז וויכטיג צו ווידמען דיין לעבן אפצולערנען די אלע פונקטן פון גליק וואס דו

האסט אין דיין לעבן, כדי צו ווערן דער פרייליכער עובד ה' אזוי ווי דער באשעפער וויל.

## אמת'ע רייכטום

און דערפאר וועלן מיר אנהויבן צו ארבעטן אויף שמחה דורך לערנען צוזאמען די רייד פון א משנה; ס'איז א משנה וואס מערסטנס פון אונז זאגן נאך, אבער כמעט קיינער פון אונז איז עס מקיים. **אֵיזֶהוּ עָשִׁיר** - ווער איז א רייכער מענטש? **הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ** - ווער עס איז פרייליך מיט וואס ער האט. אלזא, יעדער ווייסט דאס; יעדער זאגט עס. אבער קיינער פראקטיצירט עס נישט.

די משנה זאגט אונז דא וואס דער באשעפער ערווארט פון יעדן פון אונז - אז מיר זאלן עס פראקטיצירן און אויספירן. דער באשעפער וויל מיר זאלן ווערן רייך. פארוואס דען האט ער אונז עס געזאגט? פארוואס האט ער געזאגט **אֵיזֶהוּ עָשִׁיר?** בלויז עפעס מער אינפארמאציע צו פארפאקן? ניין, ס'איז ווייל דאס איז וואס מיר זענען ערווארטעט צו ווערן. דער באשעפער וויל דו זאלסט ווערן דער עושר וואס איז **שָׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ!**

אצינד, ס'איז וויכטיג צו באטאנען אז שמח מיינט נישט אז דו ביסט צופרידן מיט וואס דו האסט; עס מיינט אז דו ביסט פרייליך, אז דו ביסט פול מיט שמחה. דער באשעפער וויל דו זאלסט הנאה האבן פון עולם הזה, צו זיין א מענטש וואס פליסט איבער מיט פרייליכקייט, און ס'איז א פאך וואס דו דארפסט ווערן פארנומען זיך צו לערנען.

אלזא, איידער מיר הייבן אן, די ערשטע זאך וואס איר מוזט ארויסנעמען פון אייער קאפ איז דער געדאנקען גאנג אז פרישות מיינט צו זיין נישט פרייליך. ניין, פרישות מיינט צו זיין פרייליך אן לוקסוס, צו זיין פרייליך מיט די פילצאליגע הנאות פון א פשוט לעבן. דער באשעפער זאגט אז דער וואס טוט דאס, איז א רייכער מענטש.

מיר דארפן עפענען אונזערע אויגן, צושטעלן אונזערע מוחות, און זיין גרייט זיך אנצושטרענגען צו טרעפן די אמת'ע פרייליכקייט אין לעבן. אויב מיר וועלן דאס טון, וועט די שמחה פון אינעווייניג אין אונז אנהייבן ארויסקווועלן און דאס לעבן וועט זיין פול מיט געשמאק. עס וועט זיין ענדלאזע געשמאק און פרייד - אן די נייע קאר און אן דעם אויספלוג צום טיר-גארטן אדער פארוויילונגס פארק. די פרטים פונעם לעבן אליין וועט דיר מאכן אלס א פרייליכער מענטש.

## לערן איבער דעם אויסוואל פון זאכן

די הנאה פון לעבן איז נישט פון די גרויסע זאכן; און ס'איז אויך נישט איין קליינע זאך. ווייל וואס מיינט 'חלקו'? 'חלקו' מיינט, דיין טייל אין לעבן. און לעבן איז נישט איין זאך - לעבן איז א קאמבינאציע פון זאכן, א סך הכל פון צענדליגער טויזנטער מציאות'ן - און ס'איז וויכטיג צו מאכן א באזונדערע שטודיע אויף יעדן מציאות, כדי סיי ווען דו באגעגנסט זיך מיט דעם מציאות וועט עס דיר ברענגען צו פרייליכקייט.

אויב דו לערנסט אפ ווי אזוי צוויי זאכן דארפן דיר מאכן פרייליך, וועסטו האבן צוויי זאכן וואס וועלן דיר ברענגען צו פרייליכקייט. אויב דו לערנסט אפ פופציג זאכן, וועלן דיר פופציג זאכן ברענגען צו פרייליכקייט. ווי מער פרטים דו וועסט אדורכטון, אלץ מער זאכן וועסטו שעצן, אלץ מער פרייליכקייט וועסטו ארויסבאקומען פונעם לעבן. ווי דוד המלך האט געזאגט: "**כִּי שִׂמַּחְתַּנִי**

**הַשֵּׁם בְּפָעֳלֶךָ בְּמַעֲשֵׂי יָדֶיךָ אֲרַנֵּן** - דו האסט מיר געמאכט פריילך מיט דיין ווערק, איך זינג אויף די מעשים פון דיין האנט" (תהלים צב:ה). ווען ביסטו פריילך מיט זיין ווערק? ווען דו זינגסט אויף דעם וואס דו פארמאגסט.

אבער אויב דו טוסט בלויז רעדן און טראכטן אין אלגעמיינע טערמינען, איז עס בלויז דברים בעלמא, בלויז ווערטער. דו קענסט נישט זיין א פרייליכער מענטש צוליב "אלעס". אלעס איז גארנישט. דער וועג צו אמת'ע פרייד איז אין די פרטים. און ווען דו רעכנסט צוזאם די פיל קליינע זאכן, הייבסטו אן צו באלעבן די אמת'ע פרייד אין לעבן.

# חלק ב. שמחה פון דער וועלט

## ווערן רייכער און רייכער

יעדן טאג קענסטו ווערן פרייליכער און פרייליכער מיט די פשוט'ע נקודות פון לעבן. צוביסלעך, צוביסלעך, לייגסטו צו נאך איין זאך און נאך איין זאך, און דו ווערסט אן עושר, דו ווערסט רייך. און דו זעסט איין אז פון אלע זייטן זינגט זיך דיר ארויס א געזאנג. דו שפאצירסט אראפ די ברוקלינע גאסן, משוגע מיט פרייד!

איינמאל דו ביסט קונה די דאזיגע רייכטום, וועסטו מער קיינמאל נישט זיין נישט פריילך. דו קענסט נישט זיין אומפריילך אויב דיין לעבן איז אנגעפילט מיט טויזנטער קליינע פרייליכקייטן א גאנצן טאג. ווייל נישט קיין חילוק וואס עס פאסירט, שעצסטו נאך אלץ דאס אז דו האסט לופט צו אטעמען. וויפיל דו ווילסט. און וואסער צו טרינקען, וויפיל דו ווילסט. דו האסט נאך א דאך איבער דיין קאפ. דו האסט נאך שיך אנצוטון. און דאס איז בלויז דער אנהייב פון די ליסטע.

איינמאל דו ווערסט א פרייליכער מענטש, וועסטו קענעןביישטיין אלע נסיונות, אלע פרואוואונגען אין לעבן. דאס לעבן איז נישט לייכט; עס גייט אלעמאל בארג ארויף און בארג אראפ. און אויב דו ביסט נישט קונה די דאזיגע רייכטום פון 'שמח בחלקו', איז נישט קיין חילוק וואס דו קויפסט און נישט קיין חילוק וויפיל אייגנטום דו פארמאגסט, וועסטו זיין א פונדאמענטאלער אומפרייליכער מענטש, ווייל דו האסט קיינמאל נישט געלערנט וואס איז אמת'ע שמחה.

## די עיקר פארציע איז... לעבן!

און דערפאר, די ערשטע זאך וואס מיר דארפן טון איז אויסקלארן וואס דאס איז, איבער וואס מיר דארפן זיין פריילך - וואס מיינט חלקו? וואס איז דער ערשטער פרט פון חלקו וואס אלע פון אונז פארמאגן? "דיין טייל" מיינט, ערשטנס פון אלעם - אז דו לעבסט! דו האסט קיינמאל נישט געטראכט פון דעם פשט, האסטו דען? דו האסט געטראכט אז עס מיינט אז ווען דו פארדינסט ענדליך פינף הונדערט טויזנט דאללער, דאן וועסטו זיין פריילך. דו וועסט זיין שמח בחלקו, כאטש דו האסט נאכנישט קיין צוויי מיליאן דאללער. ניין, דאס איז נישט וואס 'חלקו' מיינט. חלקו מיינט, אז 'דו לעבסט נאך' - דאס איז שוין דיין פארציע פון וואס דו דארפסט זיין אנגעפילט מיט גליק.

ווייל עס איז נישטא נאך אזא שמחה ווי צו זיין לעבעדיג! די שמחה פון זיין לעבעדיג איז א

טיפע איבערלעבעניש, נאר צוליב דעם וואס מיר זענען אזוי צוגעוואוינט דערצו, דערפאר איגנארירן מיר עס. לאמיר זאגן א מענטש וואלט הנאה געהאט פון דעם פאקט אז ער לעבט. אה, יא! ווי גליקליך ביסטו אז דו לעבסט! זאג נישט אז ס'איז גארנישט. ס'איז אלעס! א מיליאנער וואלט אויפגעגעבן זיין גאנצער אייגנטום אויף צו בלייבן לעבן.

עס זענען דא פיל מענטשן וואס איך האב אמאל געקענט, טייל קענען זיין אין אייער עלטער, וואס לעבן מער נישט. איך אליין קוק צוריק אויף ווען איך בין געוועזן א אינגל. טייל פון מיינע חברים זענען נפטר געווארן יונג. איך האב געהאט א פערצן יעריגער פריינד וואס איז נפטר געווערן. און א צוואנציג יעריגער פריינט איז נפטר געווארן ווען איך בין געווען אין ישיבה.

## שוועבן אין די וואלקענעס

צי ווייסט איר ווי געשמאק עס איז צו זיין לעבעדיג? אט איז א מענטש וואס גייט צו די ספעציאליסט ווייל זיין דאקטער האט עפעס געטראפן. און ער האט מורא אז ער גייט הערן עפעס שרעקליכע נייעס. מאכט אים דער ספעציאליסט א גאנצע סעריע פון טעסטן - בלוט טעסטן און רענטגענס און נאך פיל אנדערע - און דאן גייט ער אהיים און ווארט עטליכע טעג פאר'ן באריכט. דורכאויס די פאר טעג, קען נישט דער מענטש טראכטן פון עפעס אנדערש ווי דער טעלעפאן רוף וואס ער ערווארט פונעם דאקטער. וואספארא זאך האט דען א ווערה, אויב זיין לעבן האלט זיך ביים ענדיגן? און ענדליך רופט אים דער דאקטער אראפ צו זיך אין אפיס און הייסט אים זיך זעצן און זאגט אים, "אנטשולדיגט פאר'ן זאגן, עס איז גארנישט דא קיין פראבלעם אין דיר!"

אצינד, ווען דער מענטש שפאנט ארויס פונעם דאקטער'ס אפיס, שפאצירט ער אין די וואלקענעס. ער איז דער פרייליכסטער מענטש אין דער גאנצער שטאט. ווייל אצינד געניסט ער פון דער זיסקייט פון לעבן. ווי זיס איז צו זיין לעבעדיג! דאס גליק פון שפאנען אויפ'ן גאס, ווויסנדיג אז דו ביסט לעבעדיג, האט נישט קיין פארגלייך צו קיין שום הנאות פון די רייכע.

## די שנעלע לאנדונג

נאר וואס פאסירט? ער שפאצירט אין די וואלקענעס לענגאויס צוויי גאסן, און דאן, נאך איידער וואס ווען איז ער שוין צוריק אויף דער ערד. ער שפאנט שוין צוריק אויף דער ערד ווייל ער פארגעסט. און דאס איז א טראגעדיע, ווייל די שמחה, בלויז פון זיין לעבעדיג, איז עפעס וואס דארף אונז מאכן שפירן ווי אין די וואלקענעס לענגאויס דעם גאנצן טאג.

אודאי, נאך א שטיק צייט ווערט דער מח פארזעצט. אויב האסטו נישט געלערנט דעם ענין, דאן וועסטו עס אפילו נישט שעצן. ווי איך האב אייך געזאגט פריער; מען דארף צוזאמשטעלן א פראגראם פון שמחה. ס'וועט נישט קומען בלויז ווייל דו ביסט געקומען הערן דעם שיעור און זיך צוגעהערט דערצו. ווייל אויב ווערסטו נישט פארנומען זיך צו מאכן פרייליך, דאן איז דער גאנצער שמועס אומזיסט.

## דער בית הלוי'

דו דארפסט זיך לערנען ווי אזוי צו זיין שמח אין דיין חלק פון זיין לעבעדיג. איז ווען דו גייסט פארביי א בית הלוי' זאגסטו, "ברוך ה', איך שטיי פון אינדרויסן!" איך מאך נישט קיין וויץ; איך בין

יעצט זייער ערנסט. און ווען דו גייסט נאכאמאל פארביי א בית הלוי', זאג עס נאכאמאל. זאג עס מיט דיין מויל, נאכאמאל און נאכאמאל.

צו זיין אינדרויסן פון א בית הלוי' איז א שמחה. אינעווייניג איז א בית הלוי'. א 'בית' רופן זיי עס - מ'קען מיינען אז ס'איז באקוועם און ס'איז דא מוזיק פאר די מתים, און מ'סערווירט מיטאג פאר די מתים. ניין, ער געפינט זיך אין א קאסטן און דאס איז עס. אבער דו ביסט אינדרויסן! "ברוך ה', איך בין אינדרויסן!" זאג עס!

צו זיין לעבעדיג איז א שמחה עד אין סוף, נישטא קיין שאלה אין דעם. אבער דו דארפסט פארברייטערן אויף אט די פרייד, ווייל ס'איז דא פיל מער ווי דאס לעבן אליין. ווייל נישט נאר וואס דו לעבסט, נאר דו האסט אויך פונקציאנירנדע נירן. איך קען א מענטש וואס פארמאגט נישט קיין נירן - ס'איז שוין לאנגע יארן וואס זיין נאמען איז אויף די ווארטנדע ליסטע צו באקומען א ניר. דריי מאל א וואך דארף ער גיין צום קליניק פאר ספעציעלע באהאנדלונגען. עס נעמט שעות אויף שעות יעדע מאל און ס'איז טייער. אבער ער פריידט זיך צו זיין לעבעדיג; ער פריידט זיך צו האבן א מאשין וואס האלט אים לעבעדיג. ווייל ער ווייסט אז ס'איז א תענוג צו זיין לעבעדיג. און אויב זאל ער נאר קענען באקומען א ניר, ווי פרייליך וועט ער זיין. ער ווינטשט זיך צו קענען זיין דו! ער וואלט געווען איבערגעפילט מיט גליק!

## א נייע ניר

און אט איז א מענטש וואס האט ענדליך געקענט באקומען א נייע ניר. ער האט איינס וואס ער האט "געבארגט" פון זיין שוועסטער וואס איז געווען געגוג גוטהארציג אים צו געבן איינס פון אירע אייגענע נירן. אצינד איז ער אן "איינפלאנצונג מענטש". איר מיינט ס'איז אזוי פשוט? דער מענטש קען נישט נעמען געוויסע מעדיצינען ווייל זיי קענען צערודערן זיין קערפער. ער נעמט א גאנצע רייע פון מעדיצינען צו אראפקלאפן זיין אימיון סיסטעם, כדי עס זאל נישט אפשלאגן די נייע ניר. נאך אלעם, די ניר איז נישט זיינס - ס'איז א פרעמדע זאך אין זיין קערפער - און די טבע פונעם קערפער איז עס אפצושלאגן. און אזוי נעמט ער אלעמאל מעדיצינען צו אונטערדריקן די קעגנערשאפט אפאראט.

און עס זענען דא געוויסע מעדיצינען וואס זענען אמאל וויכטיג פאר א מענטש - ער קען באקומען אן אנטצינדונג און ער דארף נעמען אנטיביאטיק - אבער אצינד קען עס דער מענטש נישט נעמען ווייל זיי זענען זיך סותר מיט זיין אנטי-אימיון מעדיצינען. אלזא, ווערט דער מענטש אויסגעשטעלט צו אנטצינדונגען וואס ער קען נישט באקעמפן ווייל ער קען נישט נעמען מעדיצינען. און אזוי, פאר'ן איבריגן טייל פון זיין לעבן, לעבט ער וואקלדיג צוליב זיין איינצלנע ניר.

אצינד, ווי אזוי קוקט דער מענטש אויף דער זעלבער וועלט אויף וואס דו קוקסט? אויב זעט ער איינעם פאראומערט און אראפגעלאזט, ווייסטו וואס ער טראכט? ער טראכט, 'דער מענטש איז משוגע! ער האט דען אויף וואס צו זיין טרויעריג?! ער האט זיין אייגענע ניר!' דיין אייגענע ניר איז א גרויסע גליק! א נאטורליכע וואס פאסט זיך אריין פונקט וואו עס דארף צו זיין! ס'איז צוגעפאסט צו אלעם אין דיין קערפער. ווען דער מענטש זעט דיר אויפ'ן גאס, פארשטייט ער נישט ווי אזוי דו ביסט נישט איבערגליקליך - נישט נאר וואס דו האסט דיין אייגענע ניר, נאר דו האסט צוויי דערפון! דו ביסט נישט בלויז א מיליאנער, דו ביסט א מולטי-מיליאנער!

## קונה זיין אן אפטימיסטישער מהות

און אצינד זעען מיר ווי נאריש עס איז די גאנצע מענטשהייט, אז זיי זינגען נישט אויף דאס וואס זיי פארמאגן. גאנץ אפט, בשעת איר גייט אויפ'ן גאס, זאלט איר ערוועקן די דאזיגע פרייד אין אייער קאפ - ווי גליקליך זענט איר, ווי באקוועם איז עס, ווי רייך זענט איר.

אלזא, ווי מער איר לערנט ווי אזוי צו זיין פריילין פון די אלע זאכן, אלץ מער וואקסט די שמחה אין אייך; ס'ווערט א טייל פון אייער כאראקטער. צוביסליך, וואקסט אין אייער מח א מהות פון אפטימיזם און איר ווערט א פרייליכער כאראקטער. 'איך בין אזוי פריילין צו זיין לעבעדיג, צו זיין אויף דעם זייט פונעם בית הקברות צוים.' דאס איז וואס איר זאלט טראכטן ווען איר גייט פארביי א בית הקברות. 'און נישט נאר וואס איך בין לעבעדיג, נאר איך האב נירן!' דאס איז א פארמעגן!

## די געשמאקסטע משקה

איז אצינד הייבן מיר אן צו זען אז ס'איז וויכטיג פאר אונז זיך אפצושטעלן אויף פרטים. איר דארפט נעמען איין זאך אויפאמאל; אפשר זאלט איר ארבעטן איין וואך, לאמיר זאגן, אויף געניסן פון די לופט. געניסן פון די הנאה פון אטעמען. דער אמת איז, אז שוין דאס קומענדיגע מאל ווען איר גייט ארויס אין גאס, זאלט איר געבן א טיפער אטעם אריין. "אההה!" זאלט איר זאגן, "ס'איז באמת א תענוג." קיין שום משקה וואס איר קענט קויפן אין געשעפט קען זיך נישט פארגלייכן צו דער משקה פון פרישע לופט. טרינקט עס אריין - ס'איז אומזיסט, און ס'איז געזונט. פילט אן אייערע לונגען. ס'מאכט אייער בלוט ווערן רויטער אויפ'ן ארט, די פרישע לופט.

איז לאמיר זאגן איר גייט צום בית המדרש און איר זאגט צו זיך, "איז דאס נישט א וואונדערליכע זאך אז עס איז דא פרישע לופט צו אטעמען?" למעשה, צווערשט איז עס א חידוש גדול. לופט?! איך האב מורא אז אפילו אויב איר זאגט עס פאר א תלמיד חכם, וועט עס זיין א גרויסער חידוש. איר זאגט אים, "יא, לופט איז לעבנס וויכטיג." איך וועל אייך אויפווייזן אז דאס איז עפעס וואס איר דארפט האבן מער ווי סיי וואס. מ'קען אנגיין אן עסן פאר א צאל טעג. אן וואסער, פאר א קורצערע צייט, אבער מ'קען אויך אנגיין אן וואסער - אפשר פאר אפאר טעג. אבער אן לופט קען מען איינגאנצן נישט לעבן.

## 'האלב הלל' איז נישט גענוג

עס שטייט אין מדרש אויף דעם פסוק (תהלים קנ:ו), **כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל קָהּ, אז עַל כׇּל נְשִׁימָה וּנְשִׁימָה תְּהַלֵּל קָהּ** - פאר יעדן אטעם דארף מען זאגן הלל. און מיין רבי האט געזאגט אז עס מיינט 'גאנץ הלל'! פאר יעדן אטעם, זענט איר שולדיג פאר'ן באשעפער א גאנצער הלל. למעשה, איר האט נישט די צייט דערפאר - איר זענט צו פארנומען מיט אטעמען - אבער כאטש זאלט איר וויסן אז דאס איז ווי געשמאק עס איז!

ווען א מענטש איז אביסעלע אראפגעקלאפט, אנטמוטיגט, איז עס א גוטער געדאנק צו צוגיין צום פענסטער און אטעמען טיף. לופט איז ווי א טרונק פון זייער א שטארקער מעדיצין. מיר אנערקענען עס נישט. עס קומט אריין אין דיינע לונגען, און די זויער-שטאף (אקסעזשין) פאראייניגט זיך מיט דיין בלוט און עס מאכט דיין בלוט רויטער. ס'איז א פאקט, בשעת דו אטעמסט, ווערט דיין

בלוט מער אויפגעפרישט מיט זויער-שטאף. די אייזן אין דיין בלוט וואס מאכט עס רויט, די העמאגלאובין, פאראייניגט זיך מיט די זויער-שטאף און עס פירט די זויער-שטאף אויף דעם וועג דורך אלע בלוט צעלן איבעראל אינעם קערפער צו אויפפרישן די צעלן. דער גאנצער קערפער איז אנדערש ווייל דו אטעמסט. און דערפאר, איז עס א גוטע עצה צו פראקטיצירן צו אטעמען בלויז פאר דעם געפיל דערפון, בלויז צו שעצן די געוואלדיגע מתנה פון לופט.

## אן אקעאן פון לופט

אלזא, לופט איז נישט בלויז אן איינצלנער באשטאנדטייל. ס'איז א משקה וואס איז אויסגעמישט פונקטליך מיט די פאסיגע באשטאנדטיילן עס צו מאכן פאר אונז, נישט נאר נוצבאר נאר אויך אנגענעם. עס האט בערך צוואנציג פראצענט זויער-שטאף, בשעת די איבריגע טיילן איז מערסטנס ניטראזשען און אנדערע גאזן, ווייל מיר דארפן האבן עפעס מיט וואס ארומצופירן די זויער-שטאף. אויב די לופט וואלט געווען אינגאנצן זויער-שטאף, וואלטן מיר געווארן אנגעטרונקען. אויב וואלט איר געאטעמט זויער-שטאף אליין, וואלט אייך געשווינדלט, איר וואלט געווארן פאר'שיכור'ט. דערפאר דארפן מיר האבן די ניטראזשען צו פארוואסערן די זויער-שטאף; און א קליין ביסל פון קוילן-שטאף (קארבאן דיאקסייד) איז וויכטיג, ווייל דאס סטימולירט די לונגען צו אטעמען אביסל טיפער. און דאן, מיט נאך אביסל פון אנדערע גאזן אינאיינעם, פארעמט עס א קאמבינאציע פון דער פערפעקטער מאטריאל וואס איז פאסיג פאר א בשר ודם.

איר ווייסט וואס מיר זענען? מיר זענען ווי פיש וואס געפינען זיך אונטן פון אן אקעאן. מיר זענען אין אן אקעאן, אן אקעאן פון לופט. דער אקעאן איז צוויי הונדערט מיילן הויך. מיר לעבן אין דעם אקעאן פון לופט און מיר האבן עס ליב. דאס איז אונזער באדערפעניש. אויב מיר זאלן זיך טוישן פלאץ מיט א פיש, וועלן מיר נישט זיין פרייליך, פונקט ווי א פיש וועט נישט זיין פרייליך אויב עס וועט קומען אויף אונזער ארט. און דערפאר, לאמיר געניסן פון דעם אקעאן ווילאנג מיר פארמאגן עס.

## פראקטיצירן הנאה

אלזא, פראקטיצירט דאס. אויפ'ן וועג אהיים, ארויסגייענדיג פון דעם שיעור, גייט איר אויף אושען פארקוועי - ס'איז א הערליכע גאס מיט פילביימער. נאך א רעגן געבן זיי ארויס א ריח און די קאמבינירטער ריח פון פארשידענע סארטן ביימער, קאמבינירט מיט די שטאטישע ריחות - זענען א תענוג - און זיי קאמבינירן זיך צו אריינגעבן א געוויסע געטראנק וואס מ'טרינקט נישט; מען ציט עס אריין טיף אין די לונגען און מען קען זיך לערנען צו געניסן דערפון.

איר מיינט אז א זומער היים אין דער שטאט מעין און א ווינטער היים אין דער שטאט פלארידע וועט אייך מאכן פרייליך? ניין, דאס איז גארנישט. ווי גוט וועט די היים זיין אויב וועט מען געשטראנדעט ווערן אן לופט, אויב מ'וועט זיך דערשטיקן פאר לופט? אטעמען איז אן אמת'ע שמחה! געוויסע מענטשן האבן שוועריקייטן צו אטעמען. איר ווייסט אז געוויסע מענטשן האבן שוועריקייטן צו אטעמען? (דער רב האט געגעבן א טיפער אטעם אריין). אהה! ס'איז א תענוג צו אנפילן די לונגען. ממש א תענוג! לאכט נישט פון אטעמען - ס'איז א געוואלדיגע פרייד צו אטעמען.

# חלק ג. לעב מיט שמחה

## זיי מאדנע און זיי פרייליך

אלזא, הייבן מיר אצינד אן צו זען אז כדי צו זיין א שמח בחלקו, דארפט איר זיין א מאדנער סארט מענטש. איר קענט נישט אלעמאל מיטטיילן אייערע געפילן מיט אנדערע מענטשן; זיי וועלן לאכן פון אייך. "**בְּאָזְנֵי כְסִיל אַל תְּדַבֵּר** - רעד נישט אין די אויערן פון א נאר, **כִּי יָבוּז לְשֵׂכֶל מִלֶּיךָ** - ער וועט לייכט מאכן די געדאנקען און דיר אפקילן" (משלי כג:ט).

זיי וועלן זאגן, "ס'איז דא דארט א מענטש, דארט אראפ די גאס, וואס איז פרייליך אז ער האט צוויי נירן! הא!" פראביר צו זאגן פאר מענטשן אז דו ביסט אנגעפילט מיט גליק, אז דו ביסט ממש בשמחה, ווייל צו אטעמען איז געשמאק. זיי וועלן טראכטן אז דו ביסט צערודערט. אבער זיי זענען די צערודערטע ווייל זיי דערלייגן דאס גאנצע פרייד פון די וועלט. און זאגט מיר נישט אז הנאה און פרייליכקייט איז נישט פאר צדיקים. אה ניין, דו גרויסער צדיק, דו ווילסט נישט הנאה האבן פון דער זון און דער ווינט. ער עסט זיין שאקאלאד קוכן און אייז-קרעם, אבער צו זיין פרייליך מיט'ן זון, דאס איז צופיל.

ווער נישט פארפירט! איינמאל האט א פרומער צדיק מיר געזאגט, "איך לערנט פאר מענטשן צו הנאה האבן פונעם לעבן?! דער צוועק פון לעבן איז תענוגים?! צו זיין רודף תענוגים, צו נאכלויפן הנאות?!" ער איז געווען בייז אויף מיר. איך האב געקוקט אויף אים און געזאגט, "קוק, דו האסט א האנט זייגער. איך האב נישט קיין האנט זייגער. דו דרייווסט א קאר ווען דו קומסט אין ישיבה. איך גיי צופיס צו דער ישיבה. ווער לויפט נאך תענוגים, דו אדער איך? דו לויפסט עס נאך, אבער דו האסט עס נישט. איך זוך נישט קיין תענוגים. זיי קומען צו מיר. בשעת איך גיי אין גאס מיט מיין ראלס רויס - מיינע צוויי שיך איז מיין ראלס רויס - און אטעם ארייין די לופט פון באשעפער, האב איך הנאה פונעם לעבן. איך גיי פארביי א בית הקברות אויף אושען פארקוועי, און איך בין אנגעפילט מיט פרייד אז איך געפין זיך אויפ'ן אנדערן זייט פונעם צוים." די סארט פון כשר'ע תענוגים איז א חיוב, ס'איז א מצוה גדולה צו הנאה האבן פונעם לעבן אויף דעם וועג.

## אויער הערערס, מיקראפאונס און בילדער מאכערס

ווער דארף ערטער פון פארוויילונגען צו זיין פרייליך, ווען דו האסט די אלע פרייליכקייטן אט דא! קוק אויף זיך אליין! "איך לעב, ברוך ה'." קוק אויף דיינע פיס - "ברוך ה', צוויי פון זיי! און ביידע אין די זעלבע מאס!" קוק אויף דיינע אויערן - "ברוך ה'!" זיי זענען 'אויער מאשינען' וואס הענגען ביי די זייטן פון דיין קאפ - און דו דארפסט זיי נישט קויפן אין געשעפט.

דו האסט ציין: שניידנדע ציין אין פארנט און מאלנדע ציין פון הינטן. ברוך ה'! דו האסט א פונקציאנירנדע צונג וואס איז פארנומען א גאנצע צייט אין דיין מויל. דו האסט א 'מיקראפאון' אין דיין מויל - שטים בענדלעך. ברוך ה'! און אויגן! 'בילדער מאכערס' אין דיין קאפ. ברוך ה'! דו קענסט גיין, ברוך ה'! דאס איז עפעס א טאקטיק וואס דו האסט דארט, זיך צו קענען באלאנסירן בשעת דו גייסט. ברוך ה'! און דאס איז בלויז דער אנהייב.

דו דארפסט זיך לערנען ווי אזוי צו זיין פרייליך מיט דיינע קליידונג. ס'איז נישט גענוג צו זאגן די

ברכה פון מלבוש ערומים אין אלגעמיין און זיך פטר'ן. דו דארפסט אדורכטון די פרטים פון דיינע קליידונג כדי צו ווערן א פרייליכער מענטש. די טאשן און די קנעפלעך, אלעס. שטודיר עס אדורך.

## די שיך אינעם אוצר קאסטן

שטודיר אדורך דיינע שיך. שיך זענען פרייליכקייט. צי האט איר אמאל געטראכט איבער דעם? איר ווייסט אז אין געוויסע לענדער האבן די מענטשן נישט קיין שיך? בלויז איין מענטש טראגט שיך, דער קעניג פונעם שבט. און נישט יעדן טאג. אמאל אמאל טוט ער אן שיך, ווען א באזוכער קומט פון אינדרויסן, א טוריסט. און ער וויל זיך באווייזן, טוט ער אן שיך. אויסערדעם טוט ער נישט אן קיין שיך. שיך זענען א גרויסער לוקסוס. א שוך איז אן אוצר.

לאמיר זאגן דער קאפיטאן פונעם אמעריקאנער לופט פלאטע לאנדעט אויף אן אינזל, דאן נעמט דער קעניג ארויס זיינע שיך פון זיין אוצר און ער טוט עס אן און ער מארשירט מיט זיינע קורצע הויזן, מיט אפאר פעדערן אויף זיין קאפ, צו באגריסן דעם קאפיטאן. און ער ווייזט אים זיינע שיך. ער איז אזוי פרייליך; ער איז אן 'אריסטאקראט'.

מיר דארפן וויסן אז שיך איז א גליק. ס'איז בכלל נישט איבערגעטריבן. בלויז דערפאר וואס דו לעבסט אין א לאנד וואו יעדער קען זיך ערלויבן שיך, דארף דאס פארמינערן דיין פרייד אין סיי וועלכן אופן?

דאס איז פארוואס מיר דארפן זאגן יעדן טאג, **שֶׁעָשָׂה לִי כָּל צָרְכִּי**. אבער מיר זענען פויל; מיר טראכטן נישט. גאנץ אפט טראכטן מיר אפילו נישט דעם פירוש המילות. אבער איך רעד יעצט אפילו נישט איבער די 'פארמאליטעט' פון זאגן די ברכה אין שול. וואס איז דאן ווען דו שפאצירסט אראפ די גאס? נעם א מינוט יעדן טאג צו זיין פרייליך מיט דיינע שיך. טראכט איבער די פרטים. 'ווי גליקליך בין איך אז איך האב שיך בענדלעך מיט א פלאסטישער עק. אויב עס וואלט נישט געווען א פלאסטישער עק, דאן וואלט מיר עס געווען שווער אדורכצושנירן די לעכער. כ'וואלט עס געדארפט נאס מאכן און עס דרייען און פראבירן אדורכצוציען דעם לאך. ברוך ה', איך האב פלאסטיק ביי די עקן פון די שיך בענדלעך.' צי האט איר אמאל געטראכט איבער דעם?

## זכרונות פון אמאל

שעץ דעם דאך איבער דיין קאפ. צי האסטו אמאל זיך אפגעשטעלט צו אנערקענען דאס גליק פון א ווארעמע הויז? למעשה, דאס איז א חידוש צו מערסטנס מענטשן. א ווארעמע הויז? יא, א ווארעמע הויז איז א פרייה. ס'איז נישט לייכט צו האבן א הויז וואס איז ווארעם.

ווען איך בין געווען א אינגל האבן מיר נישט געהאט קיין ווארעמע הייזער. ס'איז נאר געווען ווארעם אין קאך וואו עס האט זיך געפונען א קוילן אויוון. מ'האט געדארפט ארייגלייגן קוילן אינעם אויוון. ווען די קוילן זענען אויסגעברענט געווארן, האט מען געדארפט ארויסנעמען די אש פונעם אויוון. דאס איז געווען דער איינציגסטער צימער וואו עס איז געווען ווארעמקייט. אויב האב איך געוואלט ליינען, האב איך זיך אראפגעלייגט אויפ'ן ערד אין קאך ביים אויוון א גאנצן טאג און א גאנצע נאכט. דער איבריגער טייל פונעם הויז האט נישט געהאט קיין שום ווארעמקייט. מיר האבן נישט געהאט קיין הייצונג. ס'איז נישט געווען אזא זאך. די הויז איז געווען קאלט. אויב האט מען געוואלט האבן א ווארעמע הויז, האט מען געלייגט אן אויוון

פון נאפט אין יעדן צימער. דער נאפט אויוון האט געדארפט האבן ברען שטאף דערין און אסאך מאל האט עס נישט געארבעט. ווען מיר זענען אויפגעשטאנען אינדערפרי, איז דער גאנצער צימער געווען שווארץ, אויך די פנים איז געווען אינגאנצען פארשווארצט; די רויעך פונעם נאפט אויוון האט אלעס שווארץ געמאכט. דער לוקסוס פון האב אווארעמע הויז איז עפעס וואס פארגעשריטענע מענטשן דארפן שעצן.

אהההו! וואספארא תענוג איז צו האבן א ווארעמע הויז. איז אין דער ווינטער ווען דו קומסט אהיים פון שול מיט די קינדער, רייב צוזאם דיינע הענט און זאג, "חיימ'ל, איז עס נישט א גוטע זאך אז מיר האבן א ווארעמע הויז?" רייב צוזאם דיינע הענט. ער קוקט אויף דיך ווי דו וואלסט געפאלן פון די לבנה. ער פארשטייט דיר נישט. ער טראכט צו זיך, "ווי נאריש זענען ערוואקסענע מענטשען". עס מאכט נישט אויס, דאס איז דער וועג צו ערציען קינדער און מיט דער צייט וועט ער דיר דאנקען דערפאר.

## דער נס פונעם קראן

ווען איך בין געווען אין סלאבאדקע, האט קיינער נישט געהאט פליסנדע וואסער אין הויז. מען האט געדארפט גיין א האלבע גאס אוועק צו נעמען וואסער. און מ'האט עס נישט געקענט טרינקען; ס'איז געווען געפארפול צו טרינקען די ברונעם וואסער. מ'האט עס ערשט געדארפט אויפקאכן. און דא, אין דיין הויז, דרייסטו דעם קראן און ס'קומט ארויס וואסער, ריינע וואסער גוט צום טרינקען! וואספארא פארמעגן, וואספארא גליק איז דאס! און אפילו הייס וואסער! הייס וואסער קומט ארויס פון א קראן! דאס איז א לוקסוס אויף לוקסוס. אמאליגע צייטן איז הייסע וואסער געקומען נאר פון א קוואל, הייסע קוועלער. אויב האט מען נישט געהאט קיין הייסער קוואל, האט מען נישט געקענט האבן קיין הייסע וואסער, אויסער אויב מ'האט עס אויפגעקאכט. טראכט איבער דעם יעדעס מאל וואס דו עפנסט דעם קראן, און דו וועסט אנהייבן צו ווערן א שמח בחלקו.

דו מוזט רעדן צו זיך אליין איבער דיין היים. בשעת דו גייסט ארויף די טרעפ זאלסטו שושקען צו זיך, "איז עס נישט א גוטע זאך אז מיר האבן טרעפ?" איר ווייסט, איך האב טרעפ אין מיין הויז און פיל מאל טראכט איך איבער דעם ווי אזוי אין די צייטן פון די גמרא האבן זיי נישט געהאט קיין טרעפ. זיי האבן געהאט א לייטער, א 'דרגה'. פראביר ארויפצוקריכן אויף א לייטער ארויפצוגיין צום אויבערשטן שטאק; ס'איז נישט אזוי פשוט. למעשה, אפילו א לייטער איז זייער א גוטע ערפינדונג. ווען נישט וואלט מען געדארפט ארויפגיין מיט א שטריק; דו וואלטסט זיך געדארפט ארויפשלעפן. אבער א לייטער איז נישט אזוי פארזיכערט. דערפאר זענען טרעפ א לוקסוס. שטעלט זיך פאר א מענטש האט הנאה פון זיינע טרעפ. זיין לעבן איז פול מיט פארגעניגן, פול מיט פרייד.

## צו ווערן א מיליאנער פאדערט זיך ארבעט

צוביסליך, צוביסליך, וועסטו זיך לערנען. אודאי, ס'איז א פאך. דו דארפסט אריינלייגן אן עבודה. פאר פינף מינוט א טאג פראקטיציר צ געניסן פון לופט. פינף מינוט א טאג אינעם קומענדיגן וואך, פראקטיציר צו געניסן פון גיין. פינף מינוט א טאג פראקטיציר צו געניסן פון קליידונג. צוביסליך, צוביסליך, וועסטו אנזאמלען פארמעגנס אין דיין באנק קאנטע, און צוביסליך, צוביסליך וועסטו ווערן א פרייליכער מענטש מיט פיל רייכטום, פיל אוצרות.

אבער דו דארפסט עס טון. בלויז הערן ווי איך זאג דאס איז נישט גענוג. עס פאדערט ארבעט אפילו אויף צו זיין א פאלשער מיליאנער, איז כדי צו זיין אן אמת'ער מיליאנער פון 'השמח בחלקו', נעמט זיכער צייט און שווערע ארבעט. דו דארפסט אפמאכן ביי זיך אז דו גייסט זיך אונטערנעמען די קאריערע פון פרייליכקייט און אז דו וועסט אלעמאל זאגן, "איך דאנק דיר, באשעפער." אלעמאל, "איך דאנק דיר באשעפער, פאר מיר געבן דעם פרישטאג." "איך דאנק דיר, באשעפער, אז איך האב געקענט ארויסגיין פאר מיינע באדערפענישן." און פארלאז זיך נישט אויף די ברכות וואס דו זאגסט. דו מוזט עס זאגן מיט דיין מויל אין דיין אייגענער שפראך. אלעמאל. און דאן, **הַמַּחֲשָׁבָה נִמְשֶׁכֶת אַחַר הַדִּבּוּר** - דיין מח וועט ווערן איבערגעפארעמט דורך דיין רעדן, און דו וועסט ווערן א פרייליכער מענטש. צוערשט וועט עס נישט ארבעטן. דו וועסט נישט פילן אזוי פרייליך. אבער דו האלט אין איין טראכטן און רעדן, און די דאזיגע געדאנקען וועלן זיך ארייינזעצן אין דיין מח.

## הרב מיללער'ס גאראנטי פאר פרייליכקייט

דאס איז וואס דער מסילת ישרים זאגט: **הַחִיצוֹנִיּוּת מְעוֹרֶרֶת אֶת הַפְּנִימִיּוּת** - דאס דרויסנדיגע ערוועקט דאס אינעווייניגסטע. אפילו אויב אין אנהייב איז עס נישט אויפריכטיג - ביסט נישט אמת'דיג אזוי פרייליך איבער דאס אטעמען. אבער האלט עס אן, און צוביסליך, צוביסליך, וועט מיט די צייט ארויסקומען אמת'ע פרייליכקייט פון די טיפענישן פון דיין נשמה. צוביסליך וועסטו צולייגן מער זאכן. און נאך א שטיק צייט, וועלן זיך די אלע זאכן אנהייבן צוזאמזאמלען און דו וועסט ווערן אן אמת'ער מיליאנער. נאך א שטיק צייט וועסטו האבן פערציג, פופציג זאכן. און דאס איז נאך גארנישט, ווייל ס'איז דא אזויפיל מער ווי דאס. אבער מיט פערציג זאכן וועסטו זיין פרייליך, און דו וועסט שוין זיין א רייכער מענטש. און אויב דו ביסט נאך א יונגער מענטש - אפילו א יונגערמאן פון זעכציג - און דו האלטסט אן אויף דעם דרך, דעם פאך, ביז דו וועסט אנקומען צו דיינע ניינציגערס, וועסטו שוין זיין זייער א גרויסער עושר.

איך גאראנטי אז אויב דו טוסט אזוי, וועסטו ווערן פרייליך. און דו וועסט ווערן אן עובד ה' און א גרויסער מענטש. נישט נאר וואס דו וועסט ווערן א פרייליכער מענטש, נאר דו וועסט אויך ווערן א גרויסער מענטש.

## דער באשעפער האט אונז געלערנט דעם וועג צו שמחה

אצינד, עס איז דא פיל מער וואס אדורכצוטון אין די נושא - איך האב פיל מער זאכן אויסגערעכנט ביי מיר פון וואס איך האב געוואלט רעדן - אבער איך בין שוין ווייט אריבער מיין צייט. אבער כאטש האבן מיר אנגעהויבן אדורכצוטון די נושא. ס'איז א וויסנשאפט וואס מוז ווערן אדורכגעלערנט און פראקטיצירט, אבער כאטש וייסן מיר אז עס איז דא אזא זאך ווי שמחה אויף דעם וועג וואס דער באשעפער ערוואַרט פון אונז, און ס'איז דא צו באקומען פאר אונז אלע.

און פרעגט מיר נישט: "פארוואס הער איך דאס נישט פון מיין רבי, פון דער מענטש אדער יענער צדיק?" גלייב עס נישט; די אמת'ע צדיקים וייסן אז דאס איז דער דרך צו אמת'ע שמחה אין לעבן. ווייל ס'איז דער דרך - דער וועג פון שמחה - וואס דער באשעפער האט אראפגעשטעלט פאר אונז אין דעם טאג וואס מיר זענען ארויס פון מצרים; **הַיּוֹם אַתֶּם יֹצְאִים בְּחֹדֶשׁ הָאָבִיב** - אז עס איז די שיינקייט פון א פרילינג טאג און טויזנטער אנדערע פרטים פון אונזער לעבן וואס דארפן צו זיין דער אמת'ער מקור צו אונזער שמחה.

# שאלות ותשובות

## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך**

### שאלה:

**אויב איך זע א פרומער איד וואס פירט זיך נישט אזוי ערליך, דארף איך אים ליב האבן אויף דעם וואס ער איז א איד אדער פיינט האבן צוליב די שלעכטע זאכן וואס ער טוט?**

### תשובה:

אויב דו זעסט א פרומער איד וואס טוט עפעס שלעכט; לאמיר זאגן אז א פרומער איד שטייט אין דער רייע ארייינצוגיין אין טעאטער. אודאי איז ער נישט קיין פרומער איד. אבער לאמיר זאגן דו זעסט א איד מיט א קאפל אויפ'ן קאפ שטייט אין דער רייע פאר א טעאטער, דאן זאגסטו, "אה, א קאפל! אה! דאס איז וואונדערבאר!" א קאפל מיינט, "עוטר ישראל בתפארה – דו קרוינסט די אידן מיט שיינקייט" ; און די תפארה, די שיינקייט, ווייזט אז דו גלייבסט אין באשעפער.

סיי ווער עס טראגט א קאפל, ווייזט ער דערמיט, "איך גלייב אין באשעפער." אפילו א קליינע קאפל; איז ער כאטש א מודה במקצת, און ער איז נאכאלץ פון אונזערע. דאס אליין איז שוין געוואלדיג. אבער ס'איז א שאד אז ער נעמט די קרוין און ער טראגט עס אריין אין א שטאל פול מיט אפפאל, פול מיט צואה.

איז האבן מיר צוויי פירונגען דא, ער איז א משוגע'נער אדער א שוטה; ער פארפאטשקעט זיין געלט. שטעל זיך פאר א מענטש שטייט אין די רייע צו האבן א געלעגנהייט אײנצוטינקען זיין קאפ אין א טייך פול מיט אפפאל. בלויז 4 דאללער א טאג! א מציאה! ער באקומט אן אנגעפילטער קאפ מיט אפפאל! איז ער א משוגע'נער. ס'איז א רחמנות אויף אים.

אין דער זעלבער צייט זאלסטו טראכטן אז ער טראגט אויך א קאפל. עס איז א פראבלעם; און מען דארף האבןביידע שטעלונגען.